## אלגעמיינע פראגעס

### וואס מיינט עלעקטראנישע באצאלונג פאר מיר?

אן עלעקטראנישע באצאלונג מיינט אז איר וועט באקומען אייערע געלטער גראד אריין צו אייער אקאונט. איר דארפט נישט ווארטן פאר די טשעק צו ווערן געשיקט אויף פאסט, מאכן א באנק דעפאזיט אדער צאלן א טשעק קעשינג אפצאל צו האבן צוטריט צו אייערע געלטער. אייער געלט איז אוועילעבל גלייך ווען די באצאלונג ווערט געמאכט צו אייער אקאונט.

### וועלכע אויסוואלן האב איך?

עס זענען דא צוויי (2) אויסוואלן אויף צו באקומען אייער עלעקטראנישע באצאלונג:

- דעביט קארטל,
- דירעקטע דעפאזיט צו אייער אנגייענדע טשעקינג אקאונט.

### וואס איז די בעסטע אויסוואל פאר מיר?

כדי צו אויסוועלן דאס וואס איז דאס בעסטע פאר אייך און אייער פאמיליע, וועט איר דארפן אפשאצן וויאזוי איר נוצט אייער געלט.

די דעביט קארטל טראגט די MasterCard (מעסטערקארד) לאגא און קען גענוצט ווערן איבעראל וואו MasterCard ווערט אנגענומען. איר קענט נוצט די קארטל צו קויפן עסן, שיך און קליידונג, הויזגעזונד ארטיקלען, צאלן פאר קאר פאררעכטונגען, שולע געצייג, מאכן מאנאטליכע אנליין באצאלונגען, באקומען קעש ווען נויטיג, אדג. אויב דאס איז וויאזוי איר נוצט יעצט אייער סאבסידי געלטער, איז די דעביט קארטל די ריכטיגע אויסוואל פאר אייך.

אויב איר נוצט אייערע געלטער צו מאכן אן איינמאליגע באצאלונג אזויווי רענט אדער מארטגעדזש, אדער שולע שכר לימוד באצאלונגען, דאן איז די דירעקטע דעפאזיט אויסוואל מעגליך א בעסערע אויסוואל פאר אייך.

### קען איך אויסוועלן צו באקומען א פאפירענע טשעק אנשטאט אן עלעקטראנישע באצאלונג?

נומער

די סטעיט פון ניו יארק, אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( Office of Children and Family Services, OCFS) אין שותפות מיט די ארטיגע דיסטריקט דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (Local District Department of Social Services) אגענטורן, האט געטוישט צו אן עלעקטראנישע באצאלונג סיסטעם. מיר גלייבן אז די באצאלונג פראצעדור געבט מער בענעפיטן פאר אונזערע קונדן אריינגערעכנט מער בייגזאמקייט און גרינגערע באנוץ.

## ווען וועל איך באקומען מיין ערשטע באצאלונג?

אויב איר זענט לעצטנס בארעכטיגט געווארן צו באקומען באצאלונגען דורך אייער ארטיגע דיסטריקט דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס ( Local District Department of Social Services), וועט אייער קעיס ארבעטער אייך קענען געבן אן אפגעשאצטע דאטום ווען איר קענט ערווארטן צו אנהויבן באקומען באצאלונגען. פארשידענע פאקטארן וועלן באשטימען אייער ווירקליכע באצאלונג דאטום אריינגערעכנט, אבער נישט באגרעניצט צו, וועלכע באצאלונג איסוואל איר האט אויסגעוועלט, און ווען איר שרייבט ווירקליך אריין אייער אקאונט פאר די דירעקטע דעפאזיט איסוואל, אדער ווען איר באקומט און אקטיוויזירט די דעביט קארטל. אין די נאכפאלגנדע מאנאטן, דארף אייער באצאלונג ווערן אריינגעלייגט אין אייער אקאונט דערין 1-2 ביזנעס טעג נאך אייער ארטיגע דיסטריקט דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס הויבט אן די באצאלונג פראצעדור.

## וואו איז אויב מיין אדרעס טויש זיך?

צו טוישן אייער אדרעס, וועט איר זיך דארפן פארבינדן מיט אייער קעיס ארבעטער ביי אייער ארטיגע דעפארטמענט פאר סאושעל סערוויסעס ( Local District Department of Social Services). די KeyBank (קי-באנק) קאסטומער סערוויס פארשטייער אדער די NYEPAY פארשטייער וועט אייך **נישט** קענען ארויסהעלפן מיט די טויש.
עס איז וויכטיג צו האלטן אייער קעיס ארבעטער אינפארמירט איבער סיי וועלכע ענדערונגען אין אייערע אומשטענדן אריינגערעכנט אדרעס ענדערונגען וויבאלד דאס וועט באשטימען וואו פראגראם אינפארמאציע, ערזעצונג קארטלעך, ריסערטיפיקאציעס אדער אנדערע אינפארמאציע וועלן געשיקט ווערן.

## וואו איז אויב מיין נאמען טוישט זיך?

צו טוישן אייער נאמען, וועט איר זיך דארפן פארבינדן מיט אייער קעיס ארבעטער ביי אייער ארטיגע דעפארטמענט פאר סאושעל סערוויסעס. די KeyBank קאסטומער סערוויס פארשטייער אדער די NYEPAY פארשטייער וועט אייך **נישט** קענען ארויסהעלפן מיט די טויש. א נאמען ענדערונג וועט פאדערן א פארראכטענע סאבסידי אפמאך, אדער ענדערונגען צו אנדערע קעיס היסטאריע אינפארמאציע.
איינמאל דער טויש ווערט געמאכט דורך די ארטיגע דיסטריקט, וועט OCFS מעלדן פאר KeyBank ארויסצושיקן א נייע דעביט קארטל מיט די טויש. אויב איר האט דירעקטע דעפאזיט וועט איר דארפן מעלדן פאר'ן באנק ווי אויך די ארטיגע דיסטריקט.

### וועל איך נאכאלץ באקומען מאנאטליכע באצאלונג סטעיטמענטס? וויאזוי וועל איך וויסן וואס מיין באצאלונג סומע איז?

איר קענט זען אייער מאנאטליכע באצאלונג סטעיטמענט דורך אריינ'ללאג'ען צו https://sbp.ocfs.ny.gov/nyepay/. אייער באצאלונג סטעיטמענטס וועט אפשפיגלען די אינפארמאציע וואס איז ערהאלטן אין אייער סאבסידי אפמאך. ווען איר לאג'ט אריין די ערשטע מאל, וועט איר דארפן מאכן א יוזער נאמען און פאסווארד.
אויב איר וועלט אויס א דעביט קארטל פאר אייער באצאלונג אויסוואל, קענט איר פארלאנגען צו באקומען א מאנאטליכע פאפירענע סטעיטמענט אויף פאסט דורך רופן KeyBank קאסטומער סערוויס אויף 866-295-2955 אדער דורך גיין אנליין צו www.key2benefits.com. איינמאל איר לאג'ט אריין, ענטפערט די "פאפירענע טראנזאקשן היסטאריע אינפארמאציע" פראגע אונטן פונעם קארטלהאלטער אינפארמאציע בלאט. איימאל איר פארלאנגט עס, וועט איר פארזעצן צו באקומען א מאנאטליכע סטעיטמענט אויף פאסט ביז איר וועלט אויס צו ענדיגן די סערוויס.
פאר די וואס וועלן אויס דירעקטע דעפאזיט, וועט אייער מאנאטליכע סטעיטמענט זיך ווענדן אויף די איינארדענונגען וואס איר האט מיט אייער באנק און אייער יעצטיגע באנק פראקטיק.

[אויבן]

## דירעקטע דעפאזיט פראגעס

### וויאזוי וועל איך אויס די דירעקטע דעפאזיט אויסוואל?

עס זענען דא צוויי (2) וועגן זיך איינצושרייבן אין דירעקטע דעפאזיט.

- לאג'ט אריין צו די OCFS וועבסייט פון א קאמפיוטער מיט אינטערנעט אויף: https://sbp.ocfs.ny.gov/nyepay/. פאלגט אויס די אנווייזונגען אויפן סקרין.
- אויב איר האט נישט צוטריט צו א קאמפיוטער מיט אינטערנעט, קענט איר פארלאנגען אן אדאפשן סאבסידי דירעקטע דעפאזיט איינשרייבונג פארם דורך רופן 437-7855 (877)1. אן איינשרייבונג פארם וועט געשיקט ווערן צו אייך אויף פאסט. איר מוזט אויספולן די פארם און עס צוריקשיקן מיט א קאפיע פון א גע'קענסעל'טע טשעק וועלכע ציינט אייער באנק ראוטינג נומער און אקאונט אינפארמאציע פאר טשעקינג אקאונטס.

### וויאזוי טויש איך באנקס/טשעקינג אקאונט אינפארמאציע?

לאג'ט אריין צו די OCFS וועבסייט פון א קאמפיוטער מיט אינטערנעט אויף די פאלגנדע אדרעס: https://sbp.ocfs.ny.gov/nyepay/. פאלגט אויס די אנווייזונגען אויפ'ן סקרין און לייגט אריין אייער נייע באנקינג אינפארמאציע.
אויב איר האט נישט צוטריט צו א קאמפיוטער מיט אינטערנעט, קענט איר פארלאנגען אן אדאפשן סאבסידי דירעקטע דעפאזיט איינשרייבונג פארם דורך רופן 437-7855 (877)1. אן איינשרייבונג פארם וועט געשיקט ווערן צו אייך אויף פאסט. איר מוזט אויספולן די פארם מיט

אייער יעצטיגע באנקינג אינפארמאציע און עס צוריקשיקן מיט א קאפיע פון א גע'קענסעל'טע טשעק וועלכע צייגט אייער נייע באנק ראוטינג נומער און נייע אקאונט אינפארמאציע פאר טשעקינג אקאונטס.

### קען איך נוצן א סעיווינגס אקאונט פאר מיין דירעקטע דעפאזיט?

ניין.

די יעצטיגע סיסטעם איז געמאכט בלויז פאר טשעקינג אקאונטס. איינמאל אייער סאבסידי ווערט אריינגעלייגט אין אייער טשעקינג אקאונט, קענט איר דאן אריבערפירן די געלט צו אייער סעיווינגס אקאונט.

[אויבן]

## דעביט קארטל פראגעס

### וויאזוי וועל איך אויס די דעביט קארטל אויסוואל?

לאג'ט אריין צו די NYEPAY וועבסייט אויף https://sbp.ocfs.ny.gov/nyepay/ און וועלט אויס די דעביט קארטל אויסוואל.
אויב איר שרייבט זיך נישט איין פאר דירעקטע דעפאזיט, וועט איר אוטאמאטיש ווערן איינגעשריבן פאר א דעביט קארטל. ביטע באמערקט אז די איינשרייבונג צייט אפשניט צו אויסוועלן א באצאלונג אויסוואל גייט אן פאר דריי וואכן. דאס מיינט אז אויב איר וועלט נישט אויס א באצאלונג אויסוואל אין די איינשרייבונג צייט אפשניט, וועט די NYEPAY סיסטעם אוטאמאטיש אויסוועלן די דעביט קארטל אויסוואל. עס איז וויכטיג צו מאכן א באצאלונג אויסוואל ווי אמשנעלסטן כדי צו באקומען אייערע בענעפיטן באצייטנס.

### וויאזוי וועל איך באקומען מיין דעביט קארטל?

אייער דעביט קארטל וועט אנקומען אויף פאסט אומגעפער 7-10 ביזנעס טעג נאך איר שרייבט זיך איין אינעם פראגראם. אייער Key דעביט קארטל וועט זיין רויט. ביטע קוקט ארויס דערפאר אוןווארפט עס נישט אוועק אפילו אויב איר האט זיך איינגעשריבן פאר דירעקטע דעפאזיט.

ווען איר באקומט די קארטל, רופט גלייך KeyBank קאסטומער סערוויס אויף 866-295-2955 עס צו אקטיוויזירן.

### וויפיל דעביט קארטלעך וועלן געשיקט ווערן צו א הויזגעזונד?

נישט מער ווי צוויי (2) קארטלעך וועלן געשיקט ווערן צו יעדע הויזגעזונד. עס וועט זיין א הויפט אקאונט האלטער, און אויב באצאלונגען ווערן בארעכטיגט פאר מער ווי איין מענטש, קען זיין א

צווייטע אקאונט האלטער. יעדע קארטל וועט דארפן ווערן אקטיוויזירט באזונדער ווען איר באקומט עס.

## דארף איך אקטיוויזירן א דעביט קארטל איידער איך קען עס נוצן?

יא.

איינמאל איר באקומט א דעביט קארטל אויף פאסט, מוזט איר רופן KeyBank קאסטומער סערוויס אויף'ן טאל-פרייע נומער וואס שטייט אויף'ן צווייטע זייט פונעם קארטל צו אקטיוויזירן אייער אקאונט.

אלס טייל פון די אקטיוויזירן פראצעדור, וועט איר זיין געפאדערט צו מאכן א 4-ציפער PIN. אייער PIN איז א פיר-ציפער נומער וואס איר וועט אריינלייגן אויף'ן קי-פעד ביי ATM's און ריטעיל ערטער. איידער איר וועלט אויס אייער PIN, וועט איר דארפן באשטעטיגן אייער געבורט דאטום און די 3-ציפער סעקיוריטי קאוד וואס געפונט זיך אויף'ן הונטערשטע זייט פון אייער קארטל (אויף'ן רעכטע זייט פון די אונטערשריפט ארט).

איינמאל איר האט אקטיוויזירט אייער קארטל, קענט איר האבן צוטריט צו סומע אינפארמאציע דורך די אוטאמאטישע טעלעפאן סיסטעם אדער דורך די KeyBank קארטלהאלטער וועבסייט www.key2benefits.com.

## קען איך האבן צוטריט צו אינפארמאציע אויף מיין דעביט קארטל אנליין?

יא.

איינמאל איר האט אקטיוויזירט אייער קארטל, קענט איר נוצן די KeyBank קארטלהאלטער וועבסייט צו האבן צוטריט צו סומע און טראנזאקשן היסטאריע, טוישן א PIN, פארלאנגען פאפירענע סטעיטמענטס, באצאלן בילס, און אריבערפירן געלטער צו אייער פערזענליכע באנק אקאונט. איר קענט האבן צוטריט צו די סייט דורך באזוכן www.key2benefits.com.
די ערשטע מאל וואס איר לאג'ט אריין אינעם סיסטעם וועט איר דארפן נוצן די 16-ציפער נומער וואס שטייט אויף'ן קארטל און די 4-ציפער PIN וואס איר האט אויסגעוועלט בשעת אקטיוויזירן. איינמאל איר זענט אריינגע'לאג'ט, וועט איר דארפן זעלבסט-אויסוועלן א יוזער ID און פאסווארד צו נוצן פאר צוקונפטיגע לאג-אינס. איר וועט אויך געבעטן ווערן צו אויסוועלן דריי סעקיוריטי טשאלענדזש פראגעס. וועלט אויס די פראגעס וואס איר ווילט און שרייבט די ענטפערס.

## וואס זאל איך טון אויב איר פארליר מיין דעביט קארטל?

אויב אייער דעביט קארטל ווערט פארלוירן, גע'גנב'עט אדער געשעדיגט, רופט KeyBank קאסטומער סערוויס אויף 1-866-295-2955 און א נייע קארטל וועט געשיקט ווערן צו אייך אויף פאסט.

די באנק שטעלט צו איין ערזעצונג קארל אומזיסט אין יעדע קאלענדער יאר. נאך ערזעצונג קארטלעך וועלן קאסטן $5.00 פער קארטל און וועלן אנקומען ביז 7-10 ביזנעס טעג. אויב איר ווילט אווערנייט דעליווערי פון אייער ערזעצונג קארטל, וועט זיין א $15.00 אפצאל פאר די סערוויס.

## וואס איז אויב מיין דעביט קארטל ארבעט נישט?

אויב אייער דעביט קארטל ארבעט נישט, ביטע מאכט זיכער אז איר האט אקטיוויזירט די קארטל און אז איר האט געלט אוועילעבל.

אויב אן ATM נעמט נישט אן אייער קארטל, דאן פרובירט א צווייטע ATM. די ערשטע ATM קען מעגליך זיין צובראכן אדער נישט א טייל פון די נעטווארק וואס נעמט אן די קארטל.

אויב דער קארטל ארבעט נאכאלץ נישט, רופט KeyBank קאסטומער סערוויס אויף 1-866-295-2955 פאר ווייטערדיגע הילף.

## וויאזוי וועל איך וויסן וויפיל געלט עס איז דא אויף מיין דעביט קארטל?

אייער ארטיגע דיסטריקט דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס ( Local District Department of Social Services) וועט אייך מעלדן וואס אייער סאבסידי סומע איז ווען אייער סאבסידי אפמאך ווערט בארעכטיגט. דאס איז די סומע וואס וועט ארייננעלייגט ווערן אין אייער אקאונט יעדע מאנאט. איר וועט אויך געמאלדן ווערן דורך אייער ארטיגע דיסטריקט דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (Local District Department of Social Services) פון סיי וועלכע ענדערונגען צו דעם סומע. איר קענט האבן צוטריט צו אייער מאנאטליכע באצאלונג סטעיטמענט דורך ארייג'לאג'ען צו https://sbp.ocfs.ny.gov/nyepay/.
איינמאל איר הויבט אן נוצן די דעביט קארטל, קענט איר הערן די סומע פארבליבן אויף עטליכע וועגן. איר קענט ארייג'לאג'ען צו KeyBank www.key2benefits.com'ס זיכערע, באשיצטע וועבסייט, אדער רופן KeyBank קאסטומער סערוויס אויף 1-866-295-2955. עס איז קיינמאל נישט דא אן אפצאל פאר רופן KeyBank קאסטומער סערוויס אדער נוצן די אנליין וועבסייט. איר קענט אויך באקומען די אקאונט סומע ביי אן ATM אומזיסט. איר וועט דארפן אייער PIN נומער צו האבן צוטריט צו אייער אקאונט אינפארמאציע.

## וויפיל געלט קען איך ארויסנעמען פון אן ATM?

פאר אייער שוץ, האט די דעביט קארטל א טעגליכע ATM באגרעניצונג אויף ארויסנעמען געלט פון $1,500. די ATM וואס איר נוצט קען מעגליך אויך האבן א באגרעניצונג אויף די סומע וואס איר קענט ארויסנעמען ביי יעדע טראנזאקשן.

עס איז קיינמאל נישט דא אן אפצאל ארויסצונעמען געלט ביי KeyBank אדער Allpoint ATM'ס. איר קענט נוצן ATM'ס געאייגנט דורך אנדערע בענק; אבער איר וועט דארפן צאלן $1.50 פאר יעדע טראנזאקשן. די ATM אייגנטומער קען אויך ארויפלייגן נאך אן אפצאל אין צוגאב צו די טראנזאקשן אפצאל. צו פארמיידן אפצאלן, נעמט אין באטראכט וועלכע ATM'ס איר נוצט.

איר קענט אויך פארלאנגען קעש ביי א טעללער ביי סיי וועלכע באנק וואס צייגט די MasterCard לאגא. זאגט בלויז פאר'ן טעללער וויפיל געלט איר ווילט ארויסנעמען און גיבט אים/איר אייער דעביט קארטל. דער טעללער וועט אויך מעגליך בעטן צו זען א בילד ID. עס איז דא א טעגליכע באגרעניצונג פון $7,000 פאר אזא סארט טראנזאקשן. נאכאמאל, א פונקט צו נעמען אין באטראכט איז אויב איר פלאנט ארויסצונעמען אייער מאנאטליכע סומע אויף איינמאל, איז די דעביט קארטל אויסוואל מעגליך נישט די בעסטע אויסוואל פאר אייך. אין דעם פאל, זאלט איר נעמען אין באטראכט די דירעקטע דעפאזיט אויסוואל אלס די בעסערע אויסוואל וואס פאסט פאר אייער פאמיליע'ס געברויכן.

## וואס פאסירט אויב איך פארגעס מיין PIN?

אויב איר פארגעסט אייער דעביט קארטל PIN, רופט KeyBank קאסטומער סערוויס אויף 1-866-295-2955 צו אויסוועלן א נייע. איר זאלט אויסוועלן נומערן וועלכע זענען גרינג פאר אייך צו געדענקען אבער שווער פאר אנדערע מענטשן צו אויסטרעפן.

## וואס פאסירט אויב איך לייג אריין א נישט ריכטיגע PIN?

אויב איר געדענקט נישט אייער דעביט קארטל PIN, פרובירט **נישט** עס צו צוטרעפן ווען איר לייגט עס אריין ביי א פונקט-פון-פארקויפונג (POS) טערמינאל אדער ATM. אויב איר לייגט אריין די נישט ריכטיגע PIN, האט איר צוויי מער שאנסן אריינצולייגן די ריכטיגע נומער. אויב די ריכטיגע דעביט קארטל PIN ווערט נישט אריינגעלייגט ביי די דריטע פרואוו, מוזט איר רופן די KeyBank קאסטומער סערוויס פאר הילף אויף 1-866-295-2955.

## איז דא א באגרעניצונג אויף די צאל איינקויפונגען וואס איך קען מאכן יעדע מאנאט?

איינע פון די בענעפיטן פון די דעביט קארטל איז אז איר קענט מאכן אן אומבאגרעניצטע צאל פונקט-פון-פארקויפונג (POS) איינקויפונגען יעדע מאנאט, ביז די סומע פון אייער קארטל

אקאונט. איר קענט ווייטער נוצן די קארטל אזוי לאנג ווי עס איז דא גענוג געלט אין די אקאונט צו דעקן די סומע פון די איינקויפונג. עס איז וויכטיג צו האלטן חשבון פון אייערע אקאונט סומע.

### וואס איז אויב איך פרוביר צו איינקויפן און עס איז נישט דא גענוג געלט אין מיין אקאונט?

אויב איר פרובירט צו איינקויפן ביי סיי וועלכע פונקט-פון-פארקויפונג (POS) און עס איז נישט דא גענוג געלט אין אייער אקאונט צו דעקן די איינקויפונג, וועט עס ווערן אפגעזאגט.

### אויב עס איז דא ווייניגער ווי $20 אין מיין אקאונט, וויאזוי וועל איך עס באקומען אויב די ATM'ס ארבעטן בלויז אין $20 סומעס?

אויב עס איז דא ווייניגער ווי $20 אין אייער אקאונט, קענט איר גיין צו א טעללער ביי סיי וועלכע באנק וואס צייגט די MasterCard לאגא און באקומען די סומע פון אייער אקאונט אין קעש. איר קענט אויך נוצן די געלטער ביי סיי וועלכע פונקט-פון-פארקויפונג (POS) וואס נעמט אן MasterCard.

ווארפט **נישט** ארויס אייער קארטל אויב די געלט האט זיך אויסגענוצט. אויב איר באקומט א מאנאטליכע בענעפיט, וועט די קארטל האבן אייער נעקסטע מאנאטליכע באצאלונג אריינגעלייגט אויף אייער געווענליכע באשטימטע באצאלונג דאטום.

### וואס איז אויב איך האב נאך געלט פארבליבן אויף מיין דעביט קארטל ביים ענדע פון די מאנאט?

אויב איר האט א סומע פארבליבן אויף אייער דעביט קארטל ביים ענדע פון די מאנאט, בלייבט עס אוועילעבל פאר אייך ווען די נעקסטע מאנאט'ס באצאלונג ווערט אריינגעלייגט. די געלט סומע אויף אייער דעביט קארטל לויפט נישט אויס.

### וואס איז אויב איך באקום מער נישט באצאלונגען? וואס זאל איך טון מיט די דעביט קארטל?

אייער דעביט קארטל וועט בלייבן גילטיג פאר דריי (3) יאר. אפילו אויב איר באקומט מער נישט קיין מאנאטליכע באצאלונגען, זאלט איר האלטן די דעביט קארטל ביי א פארזיכערטע פלאץ אזוי לאנג ווי איר האט געלט אין אייער אקאונט. איינמאל די קארטל ווערט גענצליך אויסגענוצט און איר באקומט מער נישט קיין מאנאטליכע באצאלונגען, קענט איר ארויסווארפן די קארטל דורך עס צושניידן מיט א שערל, אדער עס אריינלייגן אין א פאפיר צורייסער געמאכט צו נעמען פלאסטיק קרעדיט קארטלער.

### איז דא אן אויסלויף דאטום אויף די דעביט קארטל? וואס פאסירט אויב/ווען די קארטל לויפט אויס?

אייער דעביט קארטל איז גילטיג פאר דריי (3) יאר. KeyBank שיקט א נייע דעביט קארטל אויף פאסט פאר אלע אקטיווע קארטל-האלטערס יעדע דריי יאר איידער די אויסלויף דאטום. די

אויסלויף דאטום איז געדרוקט אויפ'ן פארנט פון די דעביט קארטל. אויב איר באקומט מער נישט קיין מאנאטליכע באצאלונגען, וועט איר נישט באקומען א נייע קארטל נאך אייער אויסלויף דאטום.

אויב איר באקומט ווייטער באצאלונגען, אבער האט נישט באקומען א נייע דעביט קארטל איידער די אויסלויף דאטום, ביטע רופט KeyBank קאסטומער סערוויס אויף 1-866-295-2955. ווען איר באקומט א נייע דעביט קארטל, דארפט איר עס אקטיוויזירן דורך אויספאלגן די אנווייזונגען וואס קומט מיט די קארטל איידער איר קענט עס נוצן.

[אויבן]

## פראגעס אויף אפצאלן פאר'ן נוצן די דעביט קארטל

### איז דא אן אפצאל פאר אקטיוויזירן די דעביט קארטל

ניין.

עס איז נישט דא אן אפצאל פאר אקטיוויזירן אייער דעביט קארטל.

### איז דא אן אפצאל פאר נוצן די דעביט קארטל?

איר קענט נוצן אייער דעביט קארטל צו קויפן זאכן ביי פארקויפער וועלכע נעמען אן MasterCard דעביט קארטלעך אדער נעמען אן PIN-באזירטע דעביט קארטל טראנזאקשינס **אומזיסט**. געוויסע פארקויפער, אזוויו גראסעריס, ערלויבן אייך צוריקצובאקומען קעש מיט אייער PIN-באזירטע איינקויפונגען. פרעגט דער פארקויפער איבער זייער קעש צוריק פאליסי איידער איר הויבט אן אייער טראנזאקשן.
איר קענט אויך נוצן אייער דעביט קארטל ארויסצונעמען קעש, אומזיסט, ביי איבער 46,000 KeyBank און Allpoint ATM's אין די פאראייניגטע שטאטן. איר קענט נוצן ATM's געאייגנט דורך אנדערע בענק; אבער איר וועט דארפן צאלן $1.50 פאר יעדע טראנזאקשן. די ATM אייגנטומער קען אויך ארויפלייגן נאך אן אפצאל אין צוגאב צו די טראנזאקשן אפצאל. די אפצאלן קענען זיין פון פארשידענע סומעס איז קוקט איבער אייער סומע סטעיטמענטס און פלאנט פאראויס.

צו פארמיידן אפצאלן, נעמט אין באטראכט וועלכע ATM's איר נוצט. ביטע קוקט די KeyBank's דעביט קארטל אפצאל סקעדזשול בייגעלייגט מיט אייער דעביט קארטל פאר איינצלהייטן.

### וויאזוי קען איך פארמיידן באצאלן אפצאלן צו האבן צוטריט צו מיין געלט?

עס איז קיינמאל נישט דא אן אפצאל פאר נוצן אייער דעביט קארטל פאר PIN-באזירטע אדער אונטערשריפט-באזירטע פונקט-פון-פארקויפונג (POS) טראנזאקשנס. פיל פארקויפער וועלן געבן די אויסוואל פון צוריקבאקומען קעש פון א PIN-באזירטע POS איינקויפונג. מאכט זיכער צו

זוכן פאר פארקויפער וועלכע צייגן די MasterCard לאגא און זיי פרעגן איבער זייער קעש צוריק פאליסי.

געדענקט, אויב איר וועלט אויס צו נוצן אן ATM וואס איז נישט געאייגנט דורך KeyBank אדער Allpoint, וועט איר דארפן צאלן $1.50, אין צוגאב צו סיי וועלכע אפצאל גענומען דורך די ATM אייגנטומער. KeyBank אדער Allpoint וועט קיינמאל נישט נעמען געלט פאר'ן נוצן זייער ATM'ס. צו טרעפן אן ATM נעבן אייך, נוצט די פאלגנדע ATM געפונער:

- www.key.com/locator
- www.allpointnetwork.com

עס איז וויכטיג צו האלטן חשבון פון אייערע אקאונט סומע אזוי אז די טראנזאקשנס זאלן נישט ווערן אפגעזאגט צוליב נישט האבן גענוג געלט אין אייער אקאונט. איר קענט דאס טון דורך אריינ'לאג'ען צו KeyBank'ס זיכערע וועבסייט אויף www.key2benefits.com אדער דורך רופן די KeyBank קאסטומער סערוויס אויף 1-866-295-2955, אדער ביי אן ATM. עס איז קיינמאל נישט דא אן אפצאל פאר די סערוויס.

### וואס איז דער אונטערשייד צווישן טראנזאקשן אפצאלן און א צוגעקומענע אפצאל?

א טראנזאקשין אפצאל ווערט גענומען דורך די קארטל ארויסגעבער, KeyBank. א ליסטע פון טראנזאקשן אפצאלן וועט זיין בייגעלייגט מיט אייער קארטל. ביטע האלט די אפצאלן טאוול פאר שפעטערדיגע באנוץ. א ליסטע פון אפצאלן וועט זיין אוועילעבל פאר אייך איידער איר וועלט אויס די דעביט קארטל אויסוואל. צום ביישפיל, KeyBank נעמט $1.50 יעדע מאל וואס איר נוצט אן ATM וואס איז נישט געאייגנט דורך KeyBank אדער Allpoint.

א צוגעקומענע אפצאל איז געלט וואס ווערט גענומען דורך די אייגנטומער פון די ATM. צוגעקומענע אפצאלן ווענדן זיך אין די ATM. איר וועט קיינמאל נישט דארפן צאלן א צוגעקומענע אפצאל ווען איר נוצט א KeyBank אדער Allpoint ATM.

### וועל איך דארפן באצאלן ATM צוגעקומענע אפצאלן?

עס ווענדט זיך אויף וויאזוי איר וועלט אויס צו האבן צוטריט צו אייערע געלטער.

KeyBank ארבעט צוזאמען מיט די Allpoint ATM נעטווארק וואס מיינט אז איר קענט נוצן אייער דעביט קארטל אן צוגעקומענע אפצאלן ביי מער ווי 46,000 ATM'ס ארום די לאנד.

איר קענט נוצן ATM'ס געאייגנט דורך אנדערע בענק; אבער איר וועט דארפן צאלן $1.50 פאר יעדע טראנזאקשן. די ATM אייגנטומער קען אויך ארויפלייגן נאך אן אפצאל אין צוגאב צו די טראנזאקשן אפצאל. מערסטנס ATM אייגנטומער נעמען א צוגעקומענע אפצאל, איז האלט

חשבון פון אייער סומע. אויב איר נוצט אן ATM מיט א צוגעקומענע אפצאל, זענט איר פאראנטווארליך פאר די אפצאל.

ביטע באמערקט אז ביי Allpoint ATM's, דארפט איר דרוקן "יא" צו אננעמען די צוגעקומענע אפצאל און ווייטער קיין מיט די טראנזאקשן. איר וועט נישט גערעכנט ווערן פאר די אפצאל, און די אפצאל וועט נישט אראפגענומען ווערן פון אייער אקאונט. איר קענט דאס באשטעטיגן דורך איבערקוקן אייער ATM טראנזאקשן רעסיט.

אויב איר וועט נוצן אייער דעביט קארטל צו ארויסנעמען קעש מערערע מאל א מאנאט, דאן וועט די דירעקטע דעפאזיט אויסוואל מעגליך זיין א בעסערע אויסוואל פאר אייך.

## איז דא אן אפצאל פאר נוצן א נישט-KeyBank ATM?

יא. איר וועט גערעכנט ווערן $1.50 פער טראנזאקשן ווען נוצנדיג אן ATM וואס איז נישט געאייגנט דורך KeyBank אדער Allpoint., עס קען מעגליך זיין נאך אפצאלן פון די ATM אייגנטומער.

## וויפיל מאל קען איך ארויסנעמען געלט יעדע מאנאט דורך אן ATM אומזיסט?

איר וועט האבן אומבאגרעניצטע צוטריט צו KeyBank און Allpoint, ATM טראנזאקשנס. אויב איר נוצט די מאשינען וועט איר נישט גערעכנט ווערן אן אפצאל. אויב איר נוצט אן ATM פון א צווייטע באנק, וועט איר גערעכנט ווערן $1.50 פער טראנזאקשן. עס קען מעגליך זיין נאך אפצאלן פון די ATM אייגנטומער.

## איז דא אן אפצאל אויב איך נוץ אן ATM אינדרויסן פון אמעריקא?

עס איז דא א $3.00 טראנזאקשן אפצאל פאר יעדע מאל מען נעמט ארויס קעש ביי ATM's אינדרויסן פון אמעריקא, ווי אויך א 3% קארענסי אויסטויש אפצאל.

## איז דא אן אפצאל צו איבערקוקן מיין אקאונט סומע?

ניין.

עס איז קיינמאל נישט דא א אפצאל פאר איבערקוקן אייער סומע דורך KeyBank קאסטומער סופארט, www.key2benefits.com, אדער ביי אן ATM.

## איז דא אן אפצאל צו באקומען קעש פון א באנק טעללער?

ניין.

עס איז קיינמאל נישט דא אן אפצאל פאר גיין צו א טעללער ביי סיי וועלכע באנק וואס צייגט די MasterCard לאגא צו באקומען קעש פון אייער דעביט קארטל אקאונט.

### איז דא אן אפצאל צו באקומען מיין באצאלונג אין טשעק פארעם פון א טעללער?

אין אלגעמיין, געבן בענק נישט קיין טשעקס אויף ארויסנעמען געלט פון אן אקאונט פון א דעביט קארטל. קעש ווערט געגעבן דורך די באנק טעללער. אבער, אויב איר דארפט א טשעק, קענט איר בעטן דער טעללער זאל אייך געבן א סערטיפייד טשעק. ווענדנדיג אינעם באנק, קען די אפצאל פאר א טשעק זיין פון פארשידענע סומעס. פרעגט איידער איר ענדיגט די טראנזאקשן.

### זענען דא אפצאלן ביי פונקט-פון-פארקויפונג (Point of Sale, POS) ערטער?

ניין.

איר קענט נוצן אייער דעביט קארטל אומזיסט צו איינקויפן זאכן ביי סיי וועלכע פארקויפער וואס צייגט די MasterCard לאגא.

### איז דא אן אפצאל צוריקצובאקומען געלט ביי א פונקט-פון-פארקויפונג ( Poin tof Sale, POS) טערמינאל?

פיל פארקויפער געבן אומזיסטע קעש-צוריק פונקט-פון-פארקויפונג (Point of Sale, POS) טראנזאקשנס; אבער, דאס ווענדט זיך אין די סארט אפמאך וואס דער פארקויפער האט מיט זייער באנק. עס קען מעגליך זיין אן אפצאל צו צוריקבאקומען קעש. איר זאלט פרעגן איבער סיי וועלכע אפצאלן איידער איר גייט ווייטער מיט די טראנזאקשן.

### איז דא אן אפצאל אויב מיין דעביט קארטל ווערט אפגעזאגט צוליב דעם אז עס איז נישט דא גענוג געלט?

ניין.

עס איז נישט דא אן אפצאל פאר אפזאגן צוליב נישט גענוג געלט; אבער עס איז א גוטע זאך צו האלטן חשבון פון די סומע אין אייער אקאונט אלעמאל.

### וואו קען איך באקומען א פולקאמע ליסטע פון אפצאלן?

עס איז דא א פולקאמע ליסטע פון אפצאלן בייגעלייגט מיט די מאטריאלן וואס קומט מיט אייער קארטל אדער דורך גיין צו https://ocfs.ny.gov/electronicpayments/ קענט איר דרוקן אויפ'ן לינק צו די דעביט קארטל אפצאלן.

[אויבן]

## וואו קען איך נוצן מיין דעביט קארטל?

### וואו קען איך נוצן מיין דעביט קארטל?

איר קענט נוצן אייער דעביט קארטל ארויסצונעמען קעש, אומזיסט, ביי איבער 46,000 KeyBank און Allpoint ATM's אין די פאראייניגטע שטאטן.

צו טרעפן אן ATM נעבן אייך, נוצט די ATM געפונער וועלכע זענען מיטגעקומען מיט די טרענירונג מאטריאלן בייגעלייגט מיט אייער קארטל.

- www.key.com/locator
- www.allpointnetwork.com

נאך אן אויסוואל איז צו אריינ'לאג'ען צו www.key2benefits.com/NYOCFS צו האבן צוטריט צו די לינקס אנליין.

איר קענט אויך נוצן אייער דעביט קארטל צו באקומען קעש ביי א טעללער פענסטער אין סיי וועלכע באנק וואס צייגט די MasterCard לאגא. MasterCard ווערט אויך אנגענומען ביי טויזענטער ערטער וואו איר קענט מאכן איינקויפונגען און געוויסע מאל צוריקבאקומען קעש מיט אייער איינקויפונג (ווען איר לייגט אריין א PIN). די סומע פון קעש וואס איר קענט צוריקבאקומען קען זיין אנדערש ביי יעדע געשעפט, ווי אויך די אפצאל וואס זיי קענען רעכענען. מאכט זיכער צו פרעגן די קלערק וועגן דעביט קארטל אפצאלן איידער איר הויבט אן אייער טראנזאקשן.

### קען איך באקומען מיין באצאלונגען אין קעש אדער טשעק פון א באנק טעללער?

איר קענט גיין צו סיי וועלכע באנק וואס צייגט די MasterCard לאגא און באקומען אייער סאבסידי אין קעש אדער טשעק פארעם. איר קענט מעגליך גערעכנט ווערן אן אפצאל ביי א באנק ווען איר בעט געלטער אין פארעם פון א טשעק. די MasterCard לאגא גאראנטירט אז איר זאלט קענען ארויסנעמען געלטער פון אייער אקאונט.

אויב איר פלאנט ארויסצונעמען די גאנצע געלט אין קעש יעדע מאנאט, דאן איז די דעביט קארטל נישט רעקאמענדירט פאר אייך. די דירעקטע דעפאזיט אויסוואל וואלט געווען א בעסערע אויסוואל.

### קען איך נוצן מיין קארטל ביי סיי וועלכע באנק, אדער מוז עס זיין א KeyBank ארט?

איר קענט ארויסנעמען קעש ביי די טעללער פענסטער פון סיי וועלכע באנק וואס צייגט די MasterCard לאגא. אויב איר גייט צו א KeyBank ארט, וועט נישט זיין אן אפצאל פאר סיי וועלכע סארט טראנזאקשן. ווייזט די דעביט קארטל פאר'ן טעללער און פרעגט וועגן אפצאלן איידער איר וועלט אויס אייער טראנזאקשן.

## קען איך צוריקבאקומען קעש ביי א פונקט-פון-פארקויפונג (Poin tof Sale, POS)?

געוויסע פארקויפער וועלן אייך ערלויבן צו צוריקבאקומען קעש מיט אייער פארקויפונג ווען איר לייגט אריין א PIN. צום ביישפיל, מערסטנס גראסעריס ערלויבן דאס. אבער, די סומע פון קעש וואס זיי ערלויבן און די אפצאלן גערעכנט ווענדן זיך אין יעדע געשעפט. מאכט זיכער צו פרעגן די קלערק אדער פארקויפער איבער זייערע פאליסיס איידער איר ענדיגט אייער טראנזאקשן.

## וואס איז אויב עס זענען נישט דא קיין KeyBank בענק נעבן וואו איך וואוין?

אייער דעביט קארטל קען ווערן גענוצט ביי KeyBank און Allpoint ATM'ס, ווי אויך ביי פארקויפער ערטער פאר פונקט-פון-פארקויפונג (Point of Sale, POS) טראנזאקשנס וועלכע קענען ערלויבן צוריקצובאקומען קעש מיט אייער איינקויפונג (ווען איר לייגט אריין א PIN).

אויב עס איז נישט דא א KeyBank באנק נעבן אייך, גייט צו www.allpointnetwork.com צו טרעפן צו נענטסטע Allpoint ATM צו וואו איר זענט.
איר קענט אויך גיין צו סיי וועלכע באנק וואס צייגט די MasterCard לאגא ארויסצונעמען געלט.

## וועלכע ATM נעטווארקס נעמען אן די דעביט קארטל?

Cirrus און Accel נעטווארקס נעמען אן די דעביט קארטל. די לאגאס פון די נעטווארקס וועלן זיין געצייגט ביי די ATM. קוקט איבער די הונטערשטע זייט פאר די לאגאס וואס פאסן צו דעם.

## זענען דא בענעפיטן צו נוצן אן Allpoint ATM איבער א KeyBank ATM?

נישט דווקא. KeyBank האט א ברייטע דעקונג פון ATM'ס איבער ניו יארק; אבער, אין געוויסע געגנטער, געבן Allpoint ATM'ס בעסערע דעקונג. Allpoint ATM'ס געפונען זיך אין געשעפטן איבער די סטעיט, נישט אין בענק. ווענדנדיג אין אייער לאקאציע, וועט איר מעגליך טרעפן אז איר האט מער צוטריט צו Allpoint ATM'ס.